**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג יוני אלץ גאן פארברעכן אויפמערקזאמקייט חודש**

***סטעיט צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין אראנדזש אום יוני 2 צו באצייכענען נאציאנאלע גאן פארברעכן אויפמערקזאמקייט טאג***

***לייענט פראקלאמאציע דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג יוני אלץ 'גאן פארברעכן אויפמערקזאמקייט חודש' און זי האט פאראָרדנט די סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין אראנדזש דעם אוונט, יוני 2, צו באצייכענען נאציאנאלע גאן פארברעכן אויפמערקזאמקייט טאג.

"יעדע איינציגסטע אינצידענטן פון גאן פארברעכן באטרעפט נישט נאר די מענטש אויף וועם עס ווערט געציהלט, נאר עס פאראורזאכט ווייטאג און טראומע פאר די קורבנות, פריינט, פאמיליעס, שכנים, צוקוקער און גאנצע קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו דעזיגנירן דעם חודש יוני אלץ דער גאן פארברעכן אויפמערקזאמקייט חודש אין ניו יארק אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ארבעטן צו צושטעלן פאר אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים די כלים וואס זיי דארפן צו קענען אפרוימען גאנס פון די געסער און האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער."

"אין ניו יארק נעמען מיר אונטער דירעקטע שריט צו אראפנעמען גאנס פון אונזערע געסער און צו אויפבויען זיכערערע געגנטער אריבער די סטעיט," **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ געזאגט.** "מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין געזעץ אינפארסירונג און מיט מיטגלידער פון די קאמיוניטי צו טרעפן באדייטפולע וועגן צו אדרעסירן די גאן פארברעכן מגיפה און צו פאראויס רוקן אונזער סטעיט."

אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט גאווערנער האקול פארזיכערט א ברייטע פינאנצירונג פלאן צו אדרעסירן גאן פארברעכן און שאפן א זיכערערע סטעיט וואס אנערקענט די וויכטיגקייט פון א פילפאכיגע צוגאנג צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט. דעם אוונט, יוני 2, האט די גאווערנער פאראָרדנט די פאלגנדע סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין אראנדזש צו באצייכענען די אנהויב פון 'סוף וואך פון טראגן אראנדזשע קליידער' (Wear Orange Weekend) וואס ווערט קאארדינירט יערליך דורך Everytown for Gun Safety.

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָ בריק

- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services) קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "אונזער הויפט פריאריטעט איז צו העלפן האלטן ניו יארקער זיכער, און מיר וועלן נוצן יעדע מיטל און מאסנאם וואס שטייט אונז צום האנט אין דעם קאמף צו ברענגען אן ענדע צו די זינלאזע אויפשטייג אין גאן פארברעכן אין אונזערע געגנטער. דורכאויס גאן פארברעכן אויפמערקזאמקייט חודש פארפליכטן מיר זיך פונדאסניי צו די ארבעט, מיר אנערקענען אונזערע שותפים אין געזעץ אינפארסירונג און אין די קאמיוניטי וועלכע ארבעטן צו אפרוימען אומלעגאלע גאנס פון אונזערע געסער און צו בויען זיכערערע קאמיוניטיס, מיר שטייען אין סאלידאריטעט מיט איבערלעבער און מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און שטיצע."

**אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services) דירעקטארין, עליזאבעט קראָונין, האט געזאגט,** "ווען גאן פארברעכן באטרעפט א קאמיוניטי, שניידט עס טיפער פון וואס עס זעהט זיך אן אויפן אויבערפלאך. קורבנות און איבערלעבער גייען אריבער טראומע, ענקזייעטי און אנדערע סטרעס וואס קען האבן א נעגאטיווע השפעה אויף זייער וואוילזיין. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון גאן פארברעכן אויפמערקזאמקייט חודש און פאר אייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז קורבנות און איבערלעבער האבן צוטריט צו די סערוויסעס, שטיצע און מיטלען וואס זיי דארפן, וואו אימער און ווען אימער עס איז נאר נויטיג."

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס וו. מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "גאן פארברעכן טוט נישט נאר איינמאנען א שווערע עמאציאנאלע און פיזישע פרייז פון איבערלעבער, נאר עס צורייסט אויך פאמיליעס און קאמיוניטיס, פאראורזאכנדיג נאך מער ווייטאג און טראומע. איך לויב גאווערנער האקול פאר אירע באמיאונגען צו באקעמפן די קריזיס און פארן ארבעטן פאר זיכערערע קאמיוניטיס פאר אלע ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418